**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/26/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול טיילט צו $4 מיליאן אין גרענטס פאר פונבאָרטנדיגע ווינט טרענירונג און ארבעטשאפט אנטוויקלונג**

***ערשטע-רונדע פאר פונבארטיגע ווינט טרענירונג אינסטיטוטציע צוטיילונגען באשטעטיגט פאר SUNY און אירע שותפים צו אנטוויקלען פראגראמען צו צוגרייטן סטודענטן פאר קאריערעס אין פונבארטיגע ווינט***

***צוטיילונגען וועלן פארשפרייטן די ארבעטשאפט אנטוויקלונג און טרענירונג איניציאטיוון פאר פאסטנס אין קאנסטרוציע, פאבריצירן, אינסטאלירן, אנצופירן, און אויפהאלטן פונבארטיגע ווינט פארמס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאסירט $4 מיליאן אין גרענטס צוגעטיילט פון דער פונבארטיגע ווינט טרענירונג אינסטיטוט פאר SUNY קאמפוס-אנגעפירטע פראגראמען אוועקגעשטעלט צו צוגרייטן סטודענטן פאר קאריערעס אין דער וואקסנדיגע אינדוסטריע. די געווינענדיגע פראגראמען וועלן פארברייטערן ארבעטשאפט אנטוויקלונג און טרענערונג איניציאטיוון פאר פאסטנס אין קאנסטרוקציע, פאבריצירן, אינסטאלירן, אויספירן, און אויפהאלטן פונבארטיגע ווינט פארמס.

"לאנד-אנפירנדיגע פראגראמען אזוי ווי דער פונבארטיגע ווינט טרענירונג אינסטיטוט זענען נייטיג צו פארזיכערן אז די סטעיט ארבעטשאפט איז גרייט צו שטיצן אונדזער אמביציעשע באנייעווודיגע ענערגיע צילן." **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "SUNY, בשותפות מיט NYSERDA, פארזארגן נייע און עקסעסטירנדיגע ארבעטער צו אנטייל נעמען אין דער גרינע ענערגיע רעוואלוציע דא אין ניו יארק פאר קומענדיגע דורות - אונדז צו העלפן אדרעסירן די קלימאט קריזעס און באשאפן א גרינערע סטעיט פאר אלע."

אין דער רונדע פון גרענטס, זענען 10 פראגראמען באשטעטיגט געווארן פאר זיבן SUNY קאמפוסעס אריינגערעכנט: **אלפרעד סטעיט קאלעדזש, אוניווערסיטעט אין בופאלא, פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש, האדסון וועלי קאמיוניטי קאלעדזש, סופאלק קאונטי קאמיוניטי קאלעדזש, SUNY פאליטעכניק אינסטיטוציע,** און **סטאוני ברוק אוניווערסיטעט.**

גאווערנער האקול האט לאנצירט דעם פארלאנג פאר פאָרשלאגן אין אקטאבער 2022. דער גרענט פראצעס ווערט געפירט ביי דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ("NYSERDA") צוזאמען מיט פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש און סטאוני ברוק אוניווערסיטעט. די פינאנצירונג, וועט ווערן אויסגעטיילט דורך פילפאכיגע רונדן פון סעלעקציע, וועט צוטיילן יעדע פראגראם ביז $500,000.

מ'האט געבעטן די אפליקאנטן צו אפליקירן אונטער איינס אדער מערער "פריאריטעט פאקוס ערטער," וואס רעכנט אריין פארברייטערן די SUNY לערן-פראגראמען וואס האט א שייכות מיט פונבארטיגע ווינט; זיך אפרופן צו גיכע, געצילטע טרענירונג געברויכן; און אדרעסירן באריערס צום אריינגאנג. די פארשלאגן האבן אדרעסירט קאפיטל-באדארפענישן, לאנג טערמיניגע דערנענטערונג צו יונגע סטודענטן, קאמיוניטי-געפירטע באמיאונגען צו העכערן וויסיגקייט, און שותפות מיט פארבונדענע אדער שכינות'דיגע סעקטארן.

א צווייטע רונדע פון צוטיילונגען וועט ווערן אנאנסירט אין דעם זומער פון 2023.

**SUNY קאנצלער דזשאן ב. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "אין שותפות מיט גאווערנער האקול און NYSERDA איז SUNY שטאלץ צו העלפן ניו יארק סטעיט צו פירן דעם וועג אין ריינע ענערגיע עקאנאמיש און ארבעטשאפט אנטוויקלונג - וואס איז אן אינסטרומענט זיך ארויפצוארבעטן פאר אונדזערע סטודנטן. די הויך-געניטע, גוט באצאלטע ארבעטשאפט וועט טרייבן ניו יארקס ריינע ענערגיע צילן פאראויס, אין דער זעלבער צייט, אוועקשטעלן די סטעיט צו פירן דאס לאנד אין באנייעוודיגע ענערגיע, אריינגערעכנט פונבארטנדיגע ווינט. דורך אנטוויקלען פראגראמען נאכצוקומען די פאדערונגען פון די פונבארטנדיגע ווינט אינדוסטריע, קען SUNY און וועט ענטפערן דירעקט צום אייגנטימער נייטיגקייטן צו פארזיכערן אז אונדזערע סטודענטן זענען גוט צוגעגרייט פאר דעם אויפקומענדיגן תחום. איך גראטוליר אלע אויסגעקליבענע SUNY קאמפוסעס און קוק זיך אויס צו שטיצן זייער פראגרעס.".

**NYSERDA פרעזידענטקע און CEO דארין מ. העריס האט געזאגט,** "NYSERDA איז האפערדיג צו זיין בשותפות מיט SUNY אין דער פונבארטנדיגע ווינט טרענירונג אינסטיטוציע צו צוגרייטן ניו יארקער פאר די טויזנטער פאמילע-אויסהאלטעוודיגע פאסטנס וואס וועט ארויסקומען אין דער צייט וואס מיר בויען די נייע אינדוסטריע פון אנהייב אן. די נייע SUNY-אנגעפירטע פראגראמען וועלן פארברייטערן פונבארטנדיגע ווינט ארבעטשאפט אנטוויקלונג און טראניר געלעגנהייטן פאר מערער געגנטער פון דער סטעיט - צו צושטעלן מער צוגאנג צו קאריערעס אין פונבארטנדיגע ווינט בעת העלפן אונדז בויען ניו יארקס ריינע ענערגיע צוקונפט."

**פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש פרעזידענט און פונבארטנדיגע ווינט טראנירונג אינסטיטוציע (OWTI) דירעקטאר דר. דזשאן ס. נאדער האט געזאגט,** "אלע אויסגעצייכנטע פארשלאגן וואס מיר האבן באקומען ווייזט דעם קאליבער פון SUNY לערערשאפט און אונדזער בשותפת'דיגע התחייבות צו פעסטשטעלן פונבארטנדיגע ווינט אלץ אן עיקרדיגן טייל פון דער ענרגיע און עקאנאמישע לאנדשאפט אויף לאנג איילענד און דורכאויס ניו יארק סטעיט. איך בין דאנקבאר צו אונדזערע שותפים אין די OWTI און צו די סך לערערס איבער די SUNY סיסטעם וואס ארבעטן צו לייזן די היינטיגע וויכטיגע ענווייראנמענטאלע און געזעלשאפטלעכע פארמעסטונגען. די צוטיילונגען טוען אפשפיגלען די וויזיע און איבערגעגעבנקייט ארויסגעוויזן פון דער גאווערנערס אפיס, NYSERDA, און SUNY צו פראמאווירן א וויכטיגע נייע אינדוסטריע.".

**סטאוני ברוק אוניווערסיטעט פרעזידענט מאורי מק'איניס האט געזאגט,** "אין דער צייט וואס מיר ארבעטן צו צוגרייטן דעם נעקסטן דור פון געלערנטע און פראפעסיאנאלן פארן פונבארטנדיגע ווינט סעקטאר און בויען ביידע קורץ און לאנג טערמיניגע אינפראסטרוקטור פאר פונבארטנדיגע ווינט ענערגיע אין ניו יארק, האט די OWTIs מיסיע שטענדיג געפאדערט געניטשאפט, צוזאמענארבעטן און וויזיע. די SUNY קאמיוניטי האט די וויזיע. מיר זענען האפערדיג צו העלפן ברענגען SUNY צו דער פאדערשטע פאזיציע פון ניו יארקס קאלעקטיווע אקציע קעגן קלימאט ענדערונג, פאראייניגן פירערס פון איבער דער סטעיט, ווי אויך אונדזערע שותפים אין פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש, NYSERDA, קאנצלער קינג און נאך אנדערע.".

סטאוני ברוק און פארמינגדעיל צוזאמען פירן אָן און שטעלן צו טעכנישע שטיצע צו דער OWTI, ניצנדיג איינגעפונדעוועטע, דיפלאם-אויסטיילונג, נישט קיין קרעדירטע ארבעטשאפט פראגראמאטישע אנבאטן ווי אויך די ניו יארק געצילטע באנייעוודיגע ענערגיע ארבעטשאפט איניציאטיוון. דער פראיעקט וועט ווערן אכטונג געגעבן ביי א קאארדינירטע קאנסול וואס באשטייט פון רעפרעזענטעטיוון פון SUNY קאלעדזשעס ווי אויך סטעיט און לאקאלע ביוראס און ארגאניזאציעס וואס באפאסן זיך מיט בויען און צוגרייטן ארבעטשאפט און טאלאנט קאלעקטיוו צו ארבעטן אין דעם ווינט-ענערגיע תחום.

די OWTI, צוזאמען מיט NYSERDA, האבן געבויעט א נעץ פון אקאדעמישע, קאמיוניטי, און אינדוסטריע און לעיבאר פארבינדונגען וואס וועט צוגרייטן ביז 25,000 ניו יארקער פאר קאריערעס אין באנייעוודיגע ענערגיע תחומים. מיטן ארבעטן בשותפות צו וואוּנסירן די אנטוויקלונג פון ווינט-ענערגיע טעכנעלאגיע, ערווארט די אינסטיטוציע צו ארבעטן סינערגיסטיש מיט די נאציאנאלע פונבארטנדיגע ווינט אויספארש און אנטוויקלונג קאנסארטיום, וואס געפונט זיך אין סטאוני ברוק און געשטיצט ביי NYSERDA, און דער US דעפארמענט אוו ענערגיע און דער באנייעוודיגע ענערגיע און אויסהאלטעוודיגקייט אין פארמינגדעיל.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק איז דער גרעסטער אויספירליכע סיסטעם פון העכערע עדיוקעישן אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון סיי וועלכע פון די SUNY׳ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. לענגאויס דעם סיסטעם האט SUNY פיר אקאדעמישע געזונטהייט צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצינישע סקולס, צוויי דענטאל סקולס, א געזעץ שולע, דער סטעיט׳ס איינציגסטער קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און פארוואלטעט איין יו-עס דעפארטמענט פון ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזען אויף באלד א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן איבער די גאנצע סיסטעם זענען בערך 1.1$ ביליאן דאלאר אין דעם פיסקאלן יאר 2022, אריינרעכענענדיג באדייטיגע צושטייערס פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען פאראן איבער דריי מיליאן SUNY אלומנע איבער דער וועלט, און איינס פון דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דיפלאם איז א גראדואירטער פון SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט [www.suny.edu](http://www.suny.edu).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן